NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13477

# AYZIKL OYF DER RAYZE

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

טעקסט-ל. קוויטקאָ  בילדער-ה. טשערניאַק



(0.87.1)




אייזיק זאָגט צום הינטל טעקל:
„הער אויף דרייען מיטן עקל.
גוטע נאַכט און שלאָפן גיין!
כ׳וויל אין שלאָף א באַן היינט זען“.

און ער זעט א בריטשקע פאָרט:
„אָ, איך דאַרף דיך, ווארט נאָר דאָרט!“
און מע פרייט זיך. ער און טעקל,
טעקל אויפגעשטעלט דאָס עקל.




א, דאָרט, איר, פֿון וועג אראָפּ!
קינדער, קינדער, היט אייך אָפּ!
אַ טראַמוואַי פֿליט — הו־הו!
ווער דער פֿירער, קוקט אייך צו!

יאָ, ס׳איז אייזיק, יאָ, געווים.
און סע יאָגט זיי נאָך א בּרעקל:
ווייסט איר אויך שוין ווער סע איז—
איר דערקענט עס נאָכן עקל.



אייזיק דרייט און האָט ניט מוירע,
טעקלען הייבט זיך אויף אן אויער:
ער איז גרייט אין א געוועט
מיט אַזאַ וועלאָסיפּעד.

טעקל איז א גיכער לויפער,
לויפט ער אייזיקלען פאָרויס.
פליט מען דורך די פלויטן, הויפן,
צו דעם ברייטן פעלד ארויס.



נאָר אין אַווטאָ אין געזונטן
מוז שוין טעקל זיצן אונטן.—
אָבער אייזיק איז שאַפער!
פאר א הינטל איז עס שווער.

פליען וועלדער, מומעס, פעטערס,
פליען ווערסטן, קילאָמעטער,
און דער קרעפּטיקער שאָפער
דרייט אַהין און דרייט אהער:



אָט, סע ראַשט, סע פּייפט, סע גלעקלט.
רויך צעקנוילט און פּאַרע פליסט.
סע גייט א צוג און אייזיק טעקלס
איז דער בראַווער מאַשיניסט.

לויפט א צוג אָן שיך און זאָקן,
יאָגט אזוי — אָט קוקט אים אָן —
טעקל האָט זיך גאָר דערשראָקן,
זיך באהאלטן אין וואגאָן.



און אָט איז מען אין א שיפל
אף די גלאַטע וואַסער־טיפן,
וואסער, וואסער איז ארום...
און דאָס שיפל טראָגט זיך אום.

טראָגט זיך פריילעך שטיל און רו,
און די רודערס פאטשן צו;
און די כוואַליעס יאָגן, יאָגן,
פון א ווייטן לאנד זיך טראָגן.



און אָט איז מען שוין גאָר היינט
מיטן ווינט א גוטער פריינט.
אין א שיפל מיט א זעגל
זיצט זיך אייזיקל און טעקל.

און דער טייך, ער פינקלט בלוי,
און דאָס שיפל וויגט אַזוי;
וויגט זיך אינם וואסער שטילן
אַזש דעם טעקל גלוסט זיך בילן!



אָבער אייזיקל וויל דאַן
דורכפאָרן דעם אָקעאַן ...
מוז ער זיך צום דאמפער לאָזן
צו די הונדערטער מאטראָסן.

אָט איז אייזיק אפן עק,
איז מיט סאזשע גאנץ באדעקט,
אז ניט מעגלעך צו דערקענען
ווי די אייגלעך פריילעך ברענען!



און אָט גייט א נייער קאָן —
ביידע אין א לופט־באלאָן.
אין א רערל קוקט זיך אייזיק,
און דער קליינער טעקל קאַיסט זיך:

שרעקלעך הויך און העכער שפאַרט
טעקל שרעקט זיך פארדערפאַר.
און דאָס קעפל אים פארדרייט זיך...
נאָר דער אייזיקל, ער פרייט זיך.



ניט געטראכט און זעצט זיך דאן
פּאַשעט אין א עראָפּלאן.
און די וואָלקנס באלד צערייסט ער...
העכער, העכער, העכער שמייסט ער,

אַזש דער הימל שיר צעגייט זיך,
און די ערד אלץ מער צעשפּרייט זיך,—
פּלוצים, פּלוצים, הערט עס אויף...
— אייזיק, אייזיקל שטיי אויף!



לאנג געפליגן, לאנג געשוואימען
צום וואקזאל־יעם בעט געקומען,
גוט געפארן, און שוין יארגן,
אין אָם שטיים דא ... — 
— יא, — ... — א ...
וואסיטע ...

פרייז 5 קאפ

„צענטרפארלאג" נארקאור  № 5.